STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04168

LIDER

Rivke Rosenblatt

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער

פון

רבקה
רויזענבלאַט

מיט א פאָררעדע
פון
ש. ניגער

אַרויסגעבער:
י. ל. מאַגיד
ניו יאָרק
1929

Copyright by

R. Rosenblatt

New York, 1929

2C

רבקה רויזענבלאט

אַ מתנה

מיין לערער

ה. נאָוואַס

פֿאָררעדע

דאָס איז די ערשטע זאַמלונג לידער פֿון אַ יידישער דיכטערין, וואָס איז אויפֿגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן דאָ אין לאַנד. די ערשטע צאַרטע פֿרוכט פֿון דער נייער יידישער דערציאונג אין דער נייער וועלט.

רבקה רויזענבלאַט איז געבראַכט געוואָרן קיין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, ווען זי איז אַלט געווען פֿיר יאָר. (זי איז געבוירן געוואָרן אין כאָטין, בעסאַראַביע, אין יאָר 1906.) אין דער קוויבעקער הויפּטשטאָט האָט זי באַזוכט 10 יאָר די רעגירונגס שול. דאָרט איז זי אויך געגאַנגען אין דער י. ל. פּרץ שול, פֿון וועלכער זי האָט גראַדואירט אין יאָר 1921. אירע ערשטע יידישע קאָמפּאָזיציעס זיינען פּאַרעפֿנטליכט געוואָרן אין די שול-זשורנאַלן, שפּעטער זיינען אירע לידער געדרוקט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע קאַנאַדער יידישע אויסגאַבן. אין 1925 האָט זי געהאַט פּערזן אין דער „צוקונפֿט“.

קיין ספּעציפֿיש אַמעריקאַנישע שטריכן איז אין אירע ביזאהעריגע לידער נישט געווען צו מערקן, ווי וואויל זי איז אַ קינד פֿון דעם נייעם יידישן ישוב. אין אירע שטילע, דורכזיכטיגע שורה׳ס פֿלאַטערט, אַ פֿאַר-

בענקטע, איר יוגנט, — און יוגנט ווייס ניט פון קיין געאָגראַפישע גרעניצן. אויף דער אדער אויף יענער זייט ים, אין בעסאַראַביע, מאָנטרעאַל אָדער ניו יאָרק — אומעטום האָט זי דעם זעלביגן בענקשאַפטליכן, אומבאַ־שטימטען, אומרואיגן גייסט.

אין די לידער פון רבקה רויזענבלאַט איז דאָ יוגנטליכע פּאָעזיע, נישט בלויז פּאָעטישע יוגנטליכקייט. אין זייער אומרו איז דאָ שוין עפּעס א בארואיגטקייט. עס איז ניט קיין נאַאיווער און רויער אויסגוס פון געפיל. די פערזן זיינען איינגעהאַלטענע, די ווערטער — קלאָרע, געצאַמטע. עס איז דאָ אן אָנזאָג — און אין די מער געלונגענע זאַכן א פארווירקליכונג — פון קינסטלערישער פאָרם... „איך בין נאָך יונג אין יאָרן — און דורך די אויגן מיינע — זעט זיך שוין דער ערשטער שניי — וואָס איז אויף מיין נשמה אויסגעפאַלן"... דער ערשטער שניי פון אָפּגעקילטן געמיט, דער אָנהייב פון רייפקייט — דער ערשטער שטילער געשאַנק דער יידישער ליטעראַטור פון דער יידישער שול אין אמע־ריקע. א געשאַנק, וואָס וועט אָנגענומען ווערן מיט פרייד — און האָפענונג.

ש. ניגער.

Peretz School

זומער

עס פויקט אין די שויבן דער זומער,
זום-זומער די גאָלדענע בין.

די בוימער מיט זאַפט אין די אויגן
דערציילן פון גרין און פון גרין.

מיינע טעג

איך בין געלייטערט
אין דעם בלויען ליכט פון שטילן לעבן.
איך שטיי ביי מיין טיר
און לויף דעם טויער עפענען
פאַר די וואָס קומען אין מיין הויף,
און קוש די טריט פון די
וואָס גייען אויף מיין שוועל אַרויף.

עס לייטערן זיך מיינע טעג.
ווי דורכזיכטיקע טראָפּנס טוי אין דער זון
לייטערן זיך מיינע טעג.

אבט

צו...

איך זיץ אַליין,
און וויל זיין אַליין,
און קען ניט זיין אַליין,
און בין מיט דיר.

און טראַכטן וויל איך,
אַלץ פאַרטראַכטן,
און קען ניט טראַכטן,
און טראַכט פון דיר.

װעלכער זיסער חלום —

װעלכער זיסער חלום
האָט דיך געבראַכט צו מיר?

ביזט געקומען,
און ביזט אַװעק,
און געבליבן איז מיר נאָר
דײַן אײַלנדיקן קוש אויף מײַנע האָר?

װעלכער זיסער חלום
האָט דיך געבראַכט צו מיר
אַז איך זאָל צערטלען אין מײַן האַרץ
דײַן אײַלנדיקן קוש אויף מײַנע האָר?

בענקעניש

ביזט אַוועק
און מיך געלאָזט
נאָר צו געדענקען אַז דו ביזט אַמאָל געווען.

האָסט געלאָזט ביי מיר אַ חלום —
כ'האָב געמיינט עס וועט שוין תמיד זיין אַזוי:
אַז איך וועל קענען מיט אַ זיפץ
אָנשפּאַרן מיין קאָפּ אויף דיין אַקסל
און פילן ווי דו נעמסט מיך שטיל אַרום
און דריקסט מיך צו מיט פעסטקייט פון דיין רו.

אַ,
כ'האָב געמיינט עס וועט שוין תמיד זיין אַזוי.
ביזטו גאָר אַוועק
און מיך געלאָזט
נאָך דיר און נאָך דעם חלום נאָר צו בענקען.

עלף

אין מיין שטוב

קיינער איז ניטאָ ביי מיר אין שטוב.

אויף אַלע טירן
הענגען לאַנגע שמאָלע שאָטנס
פון מיין אויסגעדאַרטער אומרו.

אַ נאַכט פאַלט צו.

איך בלאָנדזשע אום אין שטוב
און שרעק זיך
פאַר מיינע אויסגעדאַרטע שאָטנס
וואָס הענגען מאַכטלאָזע אויף אַלע טירן.

עס איז פינצטער אין מיין שטוב.

צוועלף

דערמאָנונג

איך האָב היינט געטראַכט פון דיר,
האָט די זון אַזוי געשיינט,
און אַ בוים מיט לאַנגע צווייגן,
האָט זיך טיף געבוקט פאַר מיר.
עס האָט אַ פויגעלע פול פרייד
אַ ווערימל אַזוי פאַרשלונגען,
און איך בין טאַנצענדיק פאַרביי,
און האָב צו דיר, צו דיר געזונגען.

דרייצן

זומער טאָג

כ׳האָב דעם שאָטן
פון צופוסנס ביימער אויסגעמידן
און פריי געלאָזט זיך בראָנזן אויף דער זון.

כ׳האָב מיין צער
פון זיך אין שפּיל פאַרטריבן
און געלאַכט מיט פולן אָטעם אין דער גרינער
וועלט אַריין.

פּערצאָן

דאָרף

נעכטן האָט אַ גאַנצע נאַכט גערעגנט.
און אַ וועג מיט וועג האָט זיך באַגעגנט.
און וואו וועגן קרייצן זיך אין רעגן,
גייט מאָרגן אויף אַ נייע זון אנטקעגן.

איז אַ שטערנדיקע נאַכט פאַרפלויגן
און פרימאָרגן האָט זיך אויסגעצויגן
איבער שטייענדיקע פולע זאַנגען
וואו נייע זון איז אויפגעגאַנגען.

חברים

חבר מיינער,
כ'האָב געזען דיך אַן אומגייענדיקן אין די גאַסן,
מיט דעם צער אין דיינע אויגן
און אַ זיפץ אויף דיינע ליפּן.
און מיך האָסטו באַגעגנט אַ שטראַלנדיקע,
טראָגנדיק דעם זיפץ אין אַ געלעכטער.

קום, חבר מיינער.
לאָמיר גיין צו יענעם בוים,
דעם שוואַרצן, פון אַ בליץ צושטאָכענעם,
און דו וועסט זיצן נעבן מיר,
און דו וועסט זיפצן,
און איך וועל זיך צוהערן צו דיינע זיפצן,
און איך וועל זיצן נעבן דיר,
און איך וועל לאַכן,
און דו וועסט זיך צוהערן צו מיין געלעכטער.

זעכצן

בענטשונג

ביזט אַ יונג מיט שוואַרצע אויגן,
מיט שוואַרצע, שוואַרצע אויגן.
גיי איך אום אַליין אין ווינטערדיקע גאַסן,
און טראַכט,
אַז גאָט האָט מיך געבענטשט וואָס דו האָסט
שוואַרצע אויגן,
און וואָס איך האָב אַמאָל דאָס גליק דיך באַגעגענען,
גייענדיק אַליין אין ווינטערדיקע גאַסן.

זיבעצן

האַרבסט

אַ ווינט רוישט,
פּאַכט מיט די לאַנגע טראַנטע הענט,
כעס'ט פאַנאַנדער זיינע קאָלטן צעפּ,
פלאַטערט, פלאַטערט,
פליט אַ סאַפּנדיקער איבער נאַקעטע פעלדער,
רייסט שטיקער פון דאַרע זומער וואַרצלען.
יאָגט אַריין זיך אין אַ הייל,
הענגענדיקע טאַצן צוויי
קנאַקט צענויף ער מיט אַ קלונג! — —
און איילט אַ צוטומלטער אין אַ קאַמין אַריין,
הילט זיך דאָרט אין שאַטנס איין,
לאָזט אַראָפּ די קאָלטן צעפּ,
פאַררוקט אין זיך די טראַנטע הענט,
וואָיעט, וואָיעט,
האַרבסט...

אַכטצן

מיין שטוב

איך טו אוים מיין שטוב נאַקעט.
נעם אַראָפּ די בילדער,
פאַרהייב די סטעזשקעס,
און שפּאַן אַרום באָרוויס
אויף פריש-קילן דיל.

מיר איז נאַקעט אויף דער נשמה.
איך טו זיך אוים,
שטרעק אוים די הענט,
דריק צו די בריסטן
צו ליידיקע ווענט.

מיר איז גוט.
מיר איז דורכזיכטיק אויף דער נשמה.
כ'האָב ליב מיין שטוב.

נײנצן

קום

קום,
קום אזוי,
ניט קיין אויסגעפּוצטער,
נאָר אַ וואָכעדיקער,
מיט די וואָכעדיקע זאָרגן איינגעקנייטש אין שטערן.
קום אזוי.

לאָמיר
מידע
ביידע
פון די הויכע קאַלטע בערג
נידערן
אין טאָל אַריין.
דאָרט,
אינ׳ם טיפן גראָז

צוואַנציק

זיך אָפּשטעלן,
און קוקן,
אינ׳ם ווייטן בלויען הימל.
לאַנג אַזוי,
פאַרלוירן —
גליקלאַכע —
קום.

חלום

צוויי מאָל איז ער מיר געקומען שוין צו חלום,
פרייד — מײַן פרייד!
צוויי מאָל האָט ער מיך שוין ליב אַרומגענומען,
פרייד — מײַן פרייד!

און צוויי מאָל אויך פון זיך מיך אָפּגעשטויסן,
שרעק — מײַן שרעק!
אָפּגעשטויסן,
און מער צו זיך שוין ניט גענומען
און אין חלום מער צו מיר שוין ניט געקומען,
שרעק — מײַן שרעק!

ראָגן —

עס קומט מיר אוים
ווען איך דערגרייך נאָר איילנדיק
אַ ראָג פון גאַס,
ביזטו שוין אַ דערוויטערטער
אַרום דעם זעלבן ראָג
אַ גייער אויף אַן אַנדער גאַס.

און טעג און נעכט, עס דוכט זיך מיר,
דעריאָג איך בלויז אַ בליק פון דיר,
אַרום אַ ראָג פון מיר פאַרשווינדנדיק,
אַרום דעם זעלבן ראָג
פון מיר פאַרשווינדנדיק.

שרעק

כ׳האָב מורא צוצוגיין צום טיר,
עס וואַרט דאָרט עמיצער אויף מיר,
אַ ווייסער דאָרט, אין ווייסן איינגעהילט.

גיי איך קיינמאָל ניט אַרויס פון שטוב,
גייט ער קיינמאָל ניט אַוועק פון טיר,
נאָר ער שטייט און וואַרט אויף מיר.

היל איך זיך אין שאָטנס איין,
קוק אַ זשעדנע אויף דער טיר,
וואו ער וואַרט נאָך אַלץ אויף מיר.

פיר׳ און צוואַנציק

ביזט אַוועק —

ביזט אַוועק,
און האָסט מיט זיך ניט מיטגענומען
קיין סימן פון דיין זיין.
ביזט אַוועק,
און דאָ ביי מיר געלאָזט
די וואונד פון שיידן זיך מיט דיר:

איז פאַר מיר געבליבן נאָר,
אליין זיין די ביינאַכטן
ווען פינצטערניש דעקט צו
מיין מורא פאַר'ן טאָג.
שווינדלענדיקע אויגן קוקן פון דער נאַכט אַרוים.
שווייגנדיק דערציילן זיי פון דיר
און ווי דו ביזט אַוועק
ניט נעמענדיק אפילו מיט מיט זיך
קיין סימן פון דיין זיין.

פינף און צוואַנציק

אליין

עס איז שוין געקומען דערצו
אז איך זוך אין מיין אייגענעם שאָטן
מיין רו.
איך זוך און געפין אין מיין שאָטן
מיין רו.

אין נעכט אָן לבנה, אָן שטערן,
גיי איך אַרום אין דער פינצטער
און טראַכט:
ווען ס׳וואָלט אַ לבנה געווען,
געגאַנגען מיט מיר וואָלט מיין שאָטן,
געגאַנגען מיט מיר וואָלט מיין רו —

— ווען ס׳וואָלט אַ לבנה געווען —

זעקס און צוואַנציק

ערשטער שניי

איך בין נאָך יונג אין יאָרן,
און דורך די אויגן מיינע
זעט זיך שוין דער ערשטער שניי
וואָס איז אויף מיין נשמה אויסגעפאַלן.

עס לייגט זיך אויס אַ ווינטער איבער מיר,
מיט ווייסער רו,
מיט קאַלטער רו,
און מיינע יונגע יאָרן פראַסטיקן
אין בלויע פאַרנאַכטן,
און עלטערן
אין גרויע פרימאָרגנס,
און ווערן דורכזיכטיק,
בלוי, קלאָר,
ווי קרישטאָל.

מיין געלעכטער

גאָט האָט מיך געבענטשט מיט אַ שטראַלנדיק
געלעכטער,
אַז איך זאָל קאָנען לאַכן מיט בלישטשענדיקע
ווייסע ציין
ווען אינ׳ם האַרץ נאָגט אַ ווייסער אומרו.

אָך, ווי געבענטשט איך בין, דו גאָט!
לאַך איך טאַקע ווי דו האָסט געבאָטען:
שטראַלנדיק, מיט בליטשענדיקע ווייסע ציין,
אַז מענטשן זאָלן וואונדערן און פרעגן:
מיידל דו,
ווער האָט דיר געשאָנקען דיין ליכטיקן געלעכטער?

אַכט און צוואַנציק

וויפיל מאָל?

וויפיל מאָל,
וויפיל מאָל,
זינג איך
קום שפּאַצירן.
ענטפערט קיינער
קיינער ניט?
גוסס׳ט וואו
מיין ווידערקול.

אין אַ שטוב
אויף אַ ראָג
רופט ווער
מיך שפּאַצירן.
יונגער, ווער
און וואו ביזטו?
גוסס׳ט וואו
מיין ווידערקול.

בייזער שפּיל.

איך זע דיך אין איטלאַכן
און זע דיך אין קיינעם ניט.
איך הער דיך אין אַלעמען
און הער דיך אין קיינעם ניט.

און תמיד מיט מיר ביזטו
דאָך קיינמאָל מיט מיר ביזטו ניט.
און תמיד אַליין בין איך,
דאָך קיינמאָל אָן דיר בין איך ניט.

דו לאָזט מיך ניט דענקען
דו לעבסט דאָך אין מיר.
דו לאָזסט מיך ניט לעבן
און די לעבסט אין מיר.

דרייסיק

לעגענדע

כ׳האָב אַ שמאָלע שוואַרצע גאַס אַ גאַנצע נאַכט
געמאָסטן,
און געזוכט,
געזוכט,
אַ סלוף,
מיט אַ ווייסן אָנגעצונדענעם לאַמטערן.

דורך די סטאַרטשנדיקע בלינדע פענצטער
פון די שטיבער,
האָט איינער
פונקט ווי איך,
געזוכט, געזוכט,
דעם סלוף,
מיט דעם ווייסן אָנגעצונדענעם לאַמטערן.

איין און דרייסיק

מיין לעבן

מענטשן.
איך בין מיט אייך געבונדן
דורך די קליינלאכקייטן פון מיין לעבן.
מענטשן.
איך בין פון אייך צוריסן
דורך די האַרציקייטן פון מיין לעבן.

נעכט,
פון לאָמפּן און טראַמווייען
וואו איך זוך אין ליכט פאַרשרייען
מיין מורא פאַר מיינע קליינלאַכקייטן.
נעכט,
פון סודות׳דיקע שאָטנס
וואו איך זוך אין ווי באַהאַלטן
מיין צער פאַר מיינע האַרציקייטן.

צווי אין דרייסיק

רויך

רויך.
גרוי, געדיכט,
שפּאַרט אין כוואַליעס
פון קוימענס זיך אַרויס,
פויזעט ווי אַ שלאַנג
צום הימל צו,
ווערט דורכזיכטיק,
דין,
ווייס,
און פאַרשווינדט.

רויך.
שוואַרץ, ברייט, פליסנד,
שלאָגט פון באַן קוימענס,
סאָפּנדיק, שטיקענדיק,

אויסגעמישט מיט פונקען,
שיט זיך אין דער לופט אריין,
און צערינט.

רויך.
בלאָס-בלוי,
אומגעלומפּערט,
וואַקסט אַרויף
פון צענויפגעשאַרטע, ברענענדיקע בלעטער,
לאָזט אַרויס אַן אַלטן פאַרטרינקענטען ריח,
ציט זיך פויל,
מישט זיך מיט האַרבסט לופט צענויף,
הענגט זיך אַרום די קאָרעס פוןביימער,
און צעקריכט זיך.

רויך.
פון א פאַפּיראָס.
צאַרט,
דורכזיכטיק,
דין,
לאַנג.
שלענגלט זיך בנעימות

צו דער סטעליע צו,
מאַכט זיך רינגעלאך
דאָ און דאָרט,
דרייט זיך,
ציט זיך,
שלאָגט זיך אָן דער סטעליע אָן
און פאַרלירט זיך.

איך װעל נישט . . .

איך װעל נישט װײנען אויף מײן שטראָף,
איך מײן עס דאַרף אַזױ געשען —
אַז כ׳זאָל װי אַ װינט אַ פאַרלױרענער,
אומװיכערן איבער האַרבסטיקע פעלדער,
און ערגיץ אין אַ פאַרפאַלענעם קאַמין
אַמאָל אַרײַנװאָיען אַ קרעכץ.

איך װעל נישט װײנען אויף מײן שטראָף,
איך מײן עס דאַרף אַזױ געשען...

רעגן

אויפגעדעקט דער ברונים,
כמארעדיק דער הויף,
פאלן רעגנטראפנס
אין גריבעלאך צונויף.

טויער הוידעט זיך
צו דעם כליפ פון רעגן,
ווערן בלאטיק ווייך,
אלע מיינע וועגן.

לייטערט זיך דער הימל
טריקנט זיך מיין הויף
קלויב איך רעגנטראפנס
אין מיין האנט צונויף.

האלט זיי קעגן זונשטראל
בלישטשען זיי אזוי,
פאלן אויף צומארגנס
אין מיין הויף ווי טוי.

אין שפּיטאָל

בלוי,
קרישטאָל,
אַ ווייטער קלאַנג,
אַ טיפער ווידערקול.
שטיל.
פאַרשמאַכט.
אַ שוואַכער קרעכץ,
אַ פלאַטער —
ש—ש—ש—ש.

„דוד׳ל,
ביזט דאָ?
כ׳האָב דיך אַזוי אַרומגעזוכט.
גיב דיין האַנט.
זעסט אָט יענעם שטראַל

אכט און דרייסיק

וואָס גליטשט זיך
דורך דעם שפּאַלט
פון טיר אַרוים?
איך האָב אים דאָ
אונטער מיין האַרץ
אַ גאַנצן טאָג
געצערטלט,
און געהיט.
און ס׳איז מיר
אַזוי וואַרים,
אַזוי ליב געווען.

איצט —
זון פאַרגייט.
ווערט מיר קיל.

— דוד׳ל —
גיי ניט אַוועק!
לאָמיך האַלטן
דיין פרישע האַנט
דאָ אונטער דער קאָלדרע.
און דו,

דערצייל פון דיינע בלויע טעג,
און פון די מענטשן
וואָס אויף יענער זייט טיר,
און פון די טיפע נעכט,
וואָס וואַרטן, ווי דו זאָגסט.
אויף מיר.

וואַרט, דוד׳ל
וואַרט,
איכ׳ל קומען...
דאָ זיינען טעג,
פוילע,
און נעכט
לאַנגע, לאַנגע.

וואַרט, דוד׳ל,
איכ׳ל קומען..."

פערציק

אַנגסט

ביזט געזעסן אויפ׳ן בעט און האָסט געוויינט.
און מיך האָט אַזוי מורא׳דיק געקלעמט,
דו האָסט דיין האַנט צו מיינער צוגערירט,
און איך האָב אין דער פינצטער זיך פאַרשעמט.

עס האָט אַ שטראַל פון אַ לאַמטערן דורכגעלייכט
און האָט אַ פיר געטאָן איבער די ווענט,
דו האָסט דיין וויינען שטיל אין זיך פאַרשטיקט
און כ׳האָב דיך אָנגענומען פאַר די הענט.

זיינען מיר געזעסן לאַנג אַזוי,
שטיל און ציטערדיק און וואַרים נאָענט...

— און פון צופרוירענע צוויי שוואַרצע קעץ
האָב איך זיך אין אַנגסט דערמאָנט...

איין און פערציק

דו האָסט געזאָגט —

דו האָסט געזאָגט דו האָסט מיך ליב.
האָסטו עס זיכער דען געמיינט?

און איך האָב שוין אַ גאַנצע נאַכט
פאַר פרייד, פאַר פרייד געוויינט.

צוויי און פערציק

שפיל

כ'בין ביי דיר אין שטוב געווען
און כ'האָב דיך אין דיין שטוב דערזען...
דאַן בין איך אַוועק פון דיר
מיט טומאַנען אין מיין האַרץ.

כ'האָב דיך אויפ'ן וועג געזען
און מיט דיר אין פעלד געווען,
דאַן בין איך אַוועק פון דיר
מיט אַלע ווינטן אין מיין האַרץ.

כ'האָב אין ליבע זיך געשפּילט,
ביז כ'האָב דיך אין זיך דערפילט.
דאַן בין איך אַוועק פון דיר
און דיך געטראָגן אין מיין האַרץ.

דריי און פערציק

גאָטעסדינסט

איך גיי אין טעמפל.
כ'גיי אַהין דאָרט אויסקלאָגן מיין כעס אויף דיר!

טאָ קום מיט מיר,
און זיי פאַר מיר אַ גאָט,
און שטעל זיך דאָרט מיט אַלע גלייך,
מיט הערצער פרעמד דערווייטערטע,
און לאָמיך קלאָגנדיק דיר פאַלן צו די פיס!

קום מיט מיר אין טעמפל.
לאָמיך דאָרטן אויף די טרעפ די מאַרמאָרנע
פאַר דיינע פיס
אויסקלאָגן מיין כעס אויף דיר!

ערֿאינערונג

אַמאָל האָב איך דיך ליב געהאַט,
און איך בין דיר אויך ליב געווען,
איצט, האָב איך דיך אויך נאָך ליב,
נאָר דו מיך ניט, נאָר דו מיך ניט.

איך געדענק דיין יעדן טראַט,
דיין קנייטש פֿון שטערן און דיין לאַך,
ווי דו פֿלעגסט מיט די אויגן שמייכלען
ווען מיין חן איז דיר געפֿעלן.

איך האָב דיך דאָך אַלץ נאָך ליב,
און דו מיך ניט, און דו מיך ניט —
ליג איך און איך וויין ביינאַכט
און צערטל זיך מיט אַלטע פֿריידן.

לבנה נאַכט

ווייס און קאַלט,
לבנה׳דיק.
פאַלט אַ טויטער שטערן.
אַז כ׳וועל טראַכטן פון דער זון,
וועט מיר וואַרים ווערן?

שאָטן פאַלט
פון אַ בוים
אויף דעם טויטן שטערן.
אַז כ׳וועל טראַכטן פון מיין ליבן,
וועט מיר פריילאַך ווערן?

זעקס און פערציק

נאַכט

זיינען שטערן הוילע
און דער ווינט אַ רויער,
אין שאָטנס אַלע שטיבער
און וויגן זיך אין טרויער.

אין די גאַסן גיי איך
איינע, איין-אַליין.
דריק צו זיך די סלופּעס
און וויין און וויין און וויין.

צו איינעם אַ צודרינגלאַכן

מוטשעסט, מוטשעסט, צודרינגלאַכער דו!
האָסט דערזען אַ שיינעם קאָפּ,
אַ שלאַנקען האַלדז,
קלוגע אויגן מיט צוויי ציטערדיקע ליפּן,
טוט דיר וויי,
טוט דיר ווי זייערער אַ שמייכל,
ווייל ס'איז ניט דיינס,
און קענסט ניט מיט דיין קליינעם ווילן
אויסזויגען,
אויסזויגן די קראַפט פון זיי,
זיי זאָלן ווערן דו,
דיין פלייש און בלוט,
צודרינגלאַכער דו!
מוטשעסטו!

אַבט און פערציק

פראָסט

גלאָז.
קלינגען גלעזערנע שטעקעלאך
אויף ביימער.
הויכן מענטשן אָן אַ פּאַרע
אויפ׳ן גלאָז.
קנאַקן צוטראָטענע שטיקלאַך גלאָז
אונטער טריט פון מענטשן.

ניין און פערציק

חגא

(בילד)

שפּיציקע טורימלאַך
היטןביידע זייטן אַרקע פון'ם ווייסן קלויסטער.
ווינטער. ווייך שניי פון ווינט פאַרגלעט,
ליגט איינגעטוליעט
אין די ווינקעלאַך פון גרויסן פענצטער־שוועל
אין מיטן אַרקע.
זונטיק. גרינגער גלאָקנקלאַנג.
גייט מען דורך די ברייטע טויערן פון קלויסטער הויף.
אין שאָטנדיקן קלויסטער,
הערן גאָט'ס געבאָט,
זען זיין גרויס גענאָד.
דער אָרגל שפּילט.
די יאָרצייט לעמפּעלאַך,

פּופּציק

צופוסנס יעזוס׳ן דעם בלאַסן הייליקן,
דרעמלען איין און פלאַמען אויף
אין אָנגעגליטע גלעזעלאַך פון וואַקס,
אַ גוט יאָר, אַ ניי יאָר,
ווינטשט דער אַלטער גרויער גלח,
קניט מען, און מען בענטשט
און ווידער גייט מען דורך די טויערן פון קלויסטער
הויף,
אין ווינטערדיקער גאַס אַריין.
ווייסער יום־טוב ליגט אויף ראָג און סלופּ און שוועל.
גוט יום־טוב זינגען גלאָקן אויס,
גלין־גלאַן, גלין־גלאָן —
גוט יום־טוב.

אַזאַ רו

ס'איז דאָ אַזאַ רו
וואָס ליגט אין אַ ריץ פון א פעלז
און גראָבט זיך אַ צייכן
פון יאָרן און יאָרן און דורות.

ס'איז דאָ אַזאַ רו
— פון די שפּאַלטן —
וואָס שפּריצט פון דעם מאָך
און צופּאַלט און צוקריכט
אין דעם אָפענעם ליכט
פון אַ טאָג.

צוויי און פופציק

צו מיין פאַרשטאָרבענעם חבר.

דיך האָט מען צו אַנאַנדער וועלט גענומען,
און מיך האָט מען דאָס דאָ געלאָזן,
ברודער מיינער.
עס קומט מיר אוים
אַז אָט זע איך די וועלט, וואָס גאָט האָט מיר
גענעבן,
אַזוי קלאָר,
און דאָך אָן דיר קען איך מיין וועלט ניט פירן.
ברודער מיינער,
וואו ביזטו אַז דו דיין פלייצע זאָלסט מיר
אונטערשטעלן ?
וואו ביזטו אַז אויף דיין אַקסל זאָל איך אָנשפאַרן
מיין קאָפּ ?
עס קומט מיר אוים,
אַז גאָט אַליין קען אויך זיין וועלט ניט פירן,
אַז דיך גענומען האָט ער גאָר צו זיך,
און מיך, אַ בלאָנדזשענדיקע,
האָט ער געלאָזן דאָ.

דריי און פופציק

צו מיין ערשט פאַרשטאָרבענעם זיידן

שאַ און שטיל,
מאַך קיין רעש,
זאָל זיין רואיק,
דריק דעם כעס.

צוגענומען האָט מען אים,
אָפּגעריסן — און אַוועק —

דריק אין זיך דעם ווי און שוויג,
שוויג און שטיק די טרערן אײַן —

שטיל זאָל זיין —
שטיל זאָל זיין.

האַרבסט

אַ וואָלקן פאַלט אַראָפּ פון שפּיץ באַרג
און פאַרטשעפּעט זיך
אין די אויסגעסטאַרטשטע צווייגן פון אַ בוים.

דער הימל גרויט און גרויט און קאַפּעט, קאַפּעט
אויף דער ערד אַראָפּ.
נעבלען לעשן אוים אַ זון און אַ לבנה.

גאָט האָט אויסגעשפּרייט דעם האַרבסט.
גאָט האָט אויסגעשפּרייט דעם האַרבסט.

שפיל

דיינע אויגן זיינען שוואַרצע,
און אַזעלכע קלוגע,
פרעגן זיי מיך:
האָסטו מיך ליב?

זיינען מיינע אויגן ברוינע,
און אַזעלכע לאַכנדיקע,
זאָגן זיי ניט
אַז איך האָב דיך ליב.

איך ווייס ניט —

איך ווייס ניט וואו מיין היים איז,
איך ווייס ניט וואו ז׳מיין רו.
נאָר אַלעס וואָס איך ווייס איז —
אַז אַלץ וואָס כ׳האָב — ביזטו.

וואָס איך זע און וואָס איך וויל
און וואס איך ליב — ביזטו —
וואו זשע קען מיין היים זיין,
ווי קען איך האָבן רו?

ווענט

קוקן שרעקעדיק
פון מיין שטוב די ווענט:
ליידיקע און גרוי,
נאַקעטע, פאַרשעמט,

בעטן שטילערהייד:
„צי דאָס פייער איין,
שטייען מיר אַזוי הויל
אין דעם לאָמפּנשיין"...

קאַפּריז

גיי אַוועק, דו ביזט אַ שלעכטער,
כ'האָב דיך פיינט, דו ווייסט עס דאָך!
וואָס זשע קומסטו און דו לאכסט מיר
אין די אויגן מיינע — דו!

און אַז דו קומסט ניט — אָ דו בייזער.
בענק איך דאָך נאָך דיר אַזוי —
כ'האָב דיך ליב, דו שלעכטער מיינער.
כ'האָב דיך פיינט, דו ליבער, דו!

קריץ דיין נאָמען אוים אויף אייז,
און וויש אים אָפּ,
און קריץ אים ווידער אוים.
לאָז דעם ווינט פארבלאָזן,
און דעם שניי פאַרשנייען,
און קום צוגיין
און קריץ נאָכאַמאָל דיין נאָמען אוים
אויף גרינעם דורכזיכטיקן אייז.

צו אַ פאַרשטאָרבענעם

ער קומט ביינאַכט
און נאָגט דאָס האַרץ ביי מיר.
ער קומט אין טיפע נעכט
פון טרויעריקע טעג.

ער קומט צו מיר און פרעגט
פאַרוואָס ער ליגט דאָרט ערגעץ אין אַ פעלד
אַ צוגענומענער פון מיר, אַליין.
אַליין.

און איך אָן אים, אַליין,
אַליין.
מיט אַן איינאונאיינציקער טרייסט אין די ביינאַכטן,
אין טיפע ביינאַכטן פון טרויעריקע טעג,
ווען ער קומט און נאָגט דאָס האַרץ ביי מיר.

איין און זעכציק

דורך טויערן —

איך גיי דורך טויערן פון בלוט אויף שניי —
— צו קליינינקע טעג, —
וואָס מויערן אין מיר
אַ דויערענדן שרעק.
מיט יעדן אויף- און אויסגאַנג זייערן
דורך טויערן און טויערן
פון בלוט אויף שניי
צו קליינינקע,
קליינינקע טעג.

כ׳האָב געשוואָרן

כ׳האָב געשוואָרן צו פאַרליבן זיך
אין קיינעם ניט — אין קיינעם ניט —
נאָר אומגיין אויף דער וועלט אַזוי,
פאַרלוירן נאָר, נאָר זוכנדיק,
זוכנדיק פאַרלוירענע,
פאַרלוירן, ניט געפינענדיק,
און ליבן, ליבן קיינעם ניט —
אָ קיינעם ניט — אָ קיינעם ניט!

דריי און זעכציק

אינהאַלט

פאָררערע פון ש. ניגער . . V
זומער 7
מיינע טעג 8
צו... 9
וועלכער זיסער חלום — 10
בענקעניש 11
אין מיין שטוב 12
דערמאָנונג 13
זומער טאָג 14
דאָרף 15
חברים 16
בענטשונג 17
האַרבסט 18
מיין שטוב 19
קום 20
חלום 22
ראָגן 23
שרעק 24
ביזט אַוועק 25
אַליין 26
ערשטער שניי 27
מיין געלעכטער 28
וויפיל מאָל? 29
בייזער שפּיל. 30
לעגענדע 31
מיין לעבן 32
רויך 33
איך וועל נישט. 36
רעגן 37
אין שפּיטאָל. 38
אַנגסט 41
דו האָסט געזאגט. 42
שפּיל 43
גאָטעסדינסט 44
עראינערונג 45
לבנה נאַכט 46
נאַכט 47
צו איינעם א דורכדרינג־
לאכן 48
פראָסט 49
חגא 50
אַזאַ רו. 52
צו מיין פארשטאָרבענעם
חבר 53
צו מיין ערשט פארשטאָר־
בענעם זיידן 54
האַרבסט 55
שפּיל 56
איך ווייס ניט 57
ווענט 58
קאפּריז 59
צו — 60
צו אַ פאַרשטאָרבענעם . . . 61
דורך טויערן. 62
כ׳האָב געשוואָרן 63